בס"ד

# אַ רֶעטוּנג פוּן יֶענֶער וֶועלְט

אַ בַּאלֶערְנְדֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט דוּרְךְ

**דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב**

•

ה"א תנ"ח - ה"א תק"כ

מֶעזִיבּוּזְשׁ, אוּקְרַיינֶע

אִיוַואן הָאט צוּגֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ. "יָא אַוַודַאי, נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אִינְטְרֶעסַאנְטֶע טָאג, הֶערְטְס נָאר, אִיר וֶועט נִישְׁט גְלַייבְּן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַלְץ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין שְׁטֶעטְל"!

אוּן אִיוַואן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן:

עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט שְׁטַארְקֶע קְלַאפֶּערַייעֶן אוֹיף מַיין טִיר, דִי בַּאדִינֶער פוּן דֶעם פָּרִיץ זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן שְׁטְרֶענְג בַּאפוֹילְן: "אַלֶע דָארְפְסְלַייט זָאלְן זִיךְ שׁוֹין שְׁטֶעלְן בַּיי דֶעם שְׁלָאס פוּן דֶעם פָּרִיץ! "אַלֶע דָארְפְסְלַייט הָאבְּן זִיךְ בַּאלְד פַארְזַאמְלְט. קֵיינֶער זוּכְט דָאךְ נִישְׁט זִיךְ צוּ פַארְטְשֶׁעפֶּענֶען מִיט דֶעם פָּרִיץ, דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן גֶעגְנְט...

דֶער פָּרִיץ הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין אַ גְרוֹיסְן זַאל, אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ רִיזִיגֶע בְּרֵייטֶע אוּן טִיפֶע קַאסְטְן, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי סְחוֹרָה וָואס הָאט עֶס צוּגֶעדֶעקְט, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אוּנְז אַ קַאסְטְן מִיט גֶעוֶוער, שְׁוֶוערְדְן אוּן הֶעק. "וֶוער וֵוייסְט, וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן מִיט דֶעם?" הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעדוּנֶערְט.

קֵיינֶער פוּן אוּנְז הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְט צוּ עֶנְטְפֶערְן. "עֶטְץ גֵייטְס הַרְגֶ'עְנֶען אַלֶע אִידְן פוּן שְׁטֶעטְל! "הָאט עֶר פָארְגֶעזֶעצְט צוּ שְׁרַייעֶן מִיט אַ רוֹיטְן צָארְנְדִיגְן פָּנִים. "יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען גֶעוֶוער אִין הַאנְט, אוּן שְׁטֵיין גְרֵייט צוּ בַּאפַאלְן דִי אִידְן, ווי נָאר אִיךְ וֶועל בַּאפֶעלְן"!

"הַרְגֶ'עְטְס דִי אִידְן"! הָאבְּן אַלֶע







דָארְפְסְלַייט גֶעשְׁרִיגְן, לוֹיפְנְדִיג צוּם קַאסְטְן אוּן כַאפֶּענְדִיג גֶעוֶוער. "מִיר זֶענֶען גְרֵייט! לָאמִיר זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְלָאזְן צוּם שְׁטֶעטְל!"

"יֶעצְט אִינְמִיטְן טָאג?! הָאט דֶער פָּרִיץ צַאמְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט וַוארְפְנְדִיג זִיךְ פוּן גֶעלֶעכְטֶער. "נַארִישֶׁע פּוֹיעֶרְן וָואס אִיר זֶענְט! אִיר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֵיין אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס אַזוֹי אִינְמִיטְן טָאג?




אויף
ווידערזעהן
אין קומענדיגן
ביכל אי״ה
בייגעשטאנען דעם פארהער
03
טויט שרעק אין שטאל
02
א רעטונג פון יענער וועלט
01
א טאנץ אויף ביידע פיס
06
קעסטלעך אינמיטן וואלד
05
די פארשטעלטע ישועה
04
די באן צום שבת
10
א רעדל וואס דרייט זיך
09
ניין פעסער און א צוזאג
08
דער אמת אונטער'ן טעלעגראם
07
אידיש אוצרות
השקפה
און ידיעה
מאירים
עולם של ערבים